בס"ד




מורשת אור החיים הקדוש

הוצאת ספריו וכתביו הק׳ ומפעלים להפצת תורתו


# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש


פרשת בא תשפ"ד | גליון צט


## מוסר חיים
לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### דער נאכט פון יציאת מצרים האט געלויכטן ווי אינמיטן העלן טאג

אין פסוק שטייט (יג, ח) "**וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה׳ לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם**", זאגט דער אור החיים הק׳, די תורה איז מדגיש "**ביום ההוא**" אז מ'זאל דערציילן סיפור יציאת מצרים אין יענעם "**טאג**", הגם די מצוה איז דאך צו דערציילן **ביינאכט** נישט **בייטאג** - אזוי ווי מ'לערנט ארויס פון "**בעבור זה**" אז דאס מיינט "**בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך**" וואס דאס איז ביינאכט? נאר מיט דעם איז די תורה מגלה, אז דער נאכט פון יציאת מצרים איז בכלל נישט געווען קיין "נאכט" - **נאר דער נאכט האט געלויכטן ווי אינמיטן העלן טאג!**

פירט דער רבי אויס: קען זיין אז וועגן דעם שרייבט די תורה "**והגדת לבנך ביום ההוא**", ווייל ער וויל לאזן הערן אז **א חלק פון די מצוה פון סיפור יציאת מצרים איז צו דערציילן פאר די קינדער דעם מורא'דיגן נס אז דער נאכט האט געלויכטן ווי אינמיטן טאג!**

וואס קומט דאס אונז לאזן הערן?! וואס איז אזוי ספעציעל דער נס אז דער נאכט האט געלויכטן ווי בייטאג מער ווי אלע אנדערע מורא'דיגע ניסים וואס זענען פארגעקומען אין מצרים אין די נאכט פון יציאת מצרים?!

נאר ווי באקאנט איז "**לילה**" מרמז אויף די **רשעים** און אויף **עבירות** וואס מאכט טונקל דעם מענטש, און "**יום**" איז מרמז אויף די **צדיקים** און אויף **מצוות** וואס מאכט ליכטיג דעם מענטש (ע"ד המדרש ב"ר ג, ח - "**ויקרא אלקים לאור יום**" אלו מעשיהן של צדיקים, "**ולחושך קרא לילה**" אלו מעשיהן של רשעים.). אין מצרים זענען די אידן געווען איינגעזינקען אין מ"ט שערי טומאה, און ס'האט געהערשט אויף זיי א שרעקליכע חשכות, אבער אינעם נאכט פון יציאת מצרים איז דער אויבערשטער געקומען און אויפגעלויכטן פאר זיי "די נאכט", דאס הייסט ער האט זיי געוויזן **אז אפילו אין די געדעכטסטע פינסטערניש קענען זיי צוריק ליכטיג ווערן!** און טאקע באלד אויפצומארגנס זענען זיי ארויס פונעם פינסטערן גלות און אנגעהויבן שפאנען אויף א נייעם וועג גראד צו "קבלת התורה"!

דאס איז די העכסט-וויכטיגע מוסר השכל וואס מיר מוזן איבערגעבן פאר די קינדער [נאכן דאס איינבאקן אין אונז אליין]; "**לילה כיום יאיר**" - **דער נאכט לייכט ווי דער טאג!** אפילו איינער וואס געפונט זיך ר"ל אין א מצב אז עס איז **שטאָק פינסטער**, ער איז איינגעזינקען אין א חשכות פון מ"ט שערי טומאה, טאקע דארט - אין דעם "**לילה**" - לייכט אים דער אויבערשטער אויף אַן "**אור**" ער זאל קענען ארויסקריכן פון "טומאת מצרים" און אנהייבן גיין צו "קבלת התורה"!

וויאזוי טוט מען דאס? שטייט אויך דא אין פסוק; "**והגדת לבנך ביום ההוא**", "**ביום ההוא**" מיינט: "**טראכט נאר אויף היינטיגן טאג**". פשט איז לויט ווי דער רבי שרייבט אין פרשת בלק (במדבר כג, י), אז איינס פון די תחבולות היצר איז, אפצושוואכן דעם מענטש אז ער האט נישט קיין כח צו קענען אנהאלטן די גוטע וועג אויף צו א לאנגע צייט. און דער רבי זאגט א מורא'דיגע לשון: "**רָאִיתִי רְשָׁעִים שֶׁאָמְרוּ לִי בְּפֵרוּשׁ, כִּי אִם הָיוּ יוֹדְעִים שֶׁיַּחְזְרוּ בִּתְשׁוּבָה וְתֵיכֶף יָמוּתוּ הָיוּ עוֹשִׂים תְּשׁוּבָה. אֶלָּא שֶׁיּוֹדְעִים שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לַעֲמוֹד בִּתְשׁוּבָה זְמַן אָרוֹךְ, כִּי דְבַר מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל עֲלֵיהֶם ר"ל**".

דער בעל דבר ווייסט אז פאר א מענטש איז שווער אנצוהאלטן א גוטע זאך, ממילא איז ער אים גלייך מייאש: "הייב בעסער נישט אן, גייסט סייווי נישט קענען זיין גוט פאַר צו לאַנג..." אזוי ארום בלייבט דער מענטש באמת אינעם פינסטערניש און קריכט קיינמאל נישט ארויס פונעם בלאטע. קומט די תורה זאגן: "**והגדת לבנך**" זאג דיין זון "**ביום ההוא**" - **טראכט נאר אויף דעם איינעם טאג.** ווער נישט איבערגעשראקן; וויאזוי וועל איך קענען אנהאלטן יציאת מצרים אויף לאנגע טעג?! היינטיגע טאג קענסטו זיין גוט? זיי היינט גוט! "וואס גייט זיין מארגן?" איז נישט מיין דאגה יעצט! אט אזוי וועסטו אנקומען צום "**ביום ההוא**" - **דער נאכט וועט לייכטן ווי דער טאג**, און די ליכטיגע ניסים פון יציאת מצרים וועלן אונז באלייכטן אינעם פינסטערן גלות, ביז מיר וועלן אינגיכן זוכה זיין צום "**אור חדש על ציון תאיר ונזכה כולנו יחד במהרה לאורו**".

## פניני חיים
פנינים מובחרים מעובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל – לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה בֹּא אֶל פַּרְעֹה.** (י, א)

לכאורה וואלט געדארפט שטיין "**וידבר**" א לשון פון "דיבור קשה" שטרענגע רייד, אזוי אויך "**אלקים**" וואס איז רומז אויף מידת הדין? פארוואס שטייט "**ויאמר ה׳**" א לשון פון "אמירה רכה" ווייכע רייד, און שם הוי"ה וואס איז רומז אויף מידת הרחמים?!

נאר דאס האט דער אויבערשטער גערעדט "**אל משה**", און פאר משה רבינו איז דאס געווען א פרייליכע דיבור, אז ער גייט זען א נקמה אין דעם פיינט פרעה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "**ישמח צדיק כי חזה נקם**". וועגן דעם שטייט א לשון פון **אמירה רכה** און אויך דער **שם הוי"ה** - ווייל די רייד האבן דערווארעמט משה רבינו'ס הארץ!

**נְטֵה יָדְךָ עַל אֶרֶץ מִצְרַיִם בָּאַרְבֶּה וְיַעַל עַל אֶרֶץ מִצְרָיִם.** (י, יב)

"**בארבה**" מיינט "מיט א הייִשעריק", קען זיין אז דער אויבערשטער האט געהייסן משה רבינו צובינדן איין הייִשעריק אויף זיין שטעקן, און אזוי אויפהייבן דעם שטעקן "**מיט'ן הייִשעריק**" אויף לאנד מצרים צו ברענגען אויף זיי מכת ארבה.

נאך א פשט קען זיין, אז "**בארבה**" מיינט אז דער אויבערשטער האט אים געהייסן זאגן בשעת'ן אויפהייבן די האנט **די ווארט "ארבה"**, צו ווייזן אז ער הייבט אויף זיין האנט וועגן צו ברענגען מכת ארבה, און אזוי וועט טאקע קומען מכת ארבה.

**וּלְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָיָה אוֹר בְּמוֹשְׁבֹתָם.** (י, כג)

די תורה איז מדגיש "**ולכל**" בני ישראל - אז פאר **אלע** אידישע קינדער איז געווען לעכטיג, צו לאזן הערן אז נישט נאר ביי די אידן אליינס איז געווען לעכטיג, נאר אפילו א איד וואס איז אריין אין א מצריש'ע הויז איז אים אויך לעכטיג געווארן דארט. און "**במושבותם**" מיינט אין זייערע הייזער - פון די מצרים, ווייל דאס איז פשוט אז אין די אידישע שטובער איז געווען לעכטיג, נאר דער חידוש איז, אז אפילו אין "זייערע" הייזער - פון די מצריים - איז אויך לעכטיג געווארן פאר די אידן.

#### "סיפור יציאת מצרים" איז א סגולה אויף קינדער

**וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה׳ לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם.** (יג, ח)

די תורה איז דא מרמז: "**וְהִגַּדְתָּ**" - איינער וואס זאגט און דערציילט די גאנצע מעשה פון יציאת מצרים וואס שטייט דא אין די פרשה, וועט אים דער אויבערשטער העלפן; "**לְבִנְךָ**" - **ער וועט זוכה זיין צו קינדער, און ער וועט עס קענען דערציילן פאר זיינע קינדער!**


צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער איבערצוגעבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998 אדער שיקט אן אימעיל צו:torahsohrhachaim@gmail.com

## הלכה ודרוש

### ביזת מצרים – גזל או שכר

**עָשׂוּ כִּדְבַר מֹשֶׁה.** פֵּרוּשׁ, לֹא לַהֲנָאַת הַמָּמוֹן אֶלָּא לְמִצְוַת נָבִיא. עוֹד יִרְצֶה, עַל פִּי מַה שֶּׁהֶעֱלָה רמב"ם בְּפֶרֶק ט' מֵהִלְכוֹת יְסוֹדֵי הַתּוֹרָה, כִּי אִם יָבוֹא נָבִיא וְיֹאמַר לְיִשְׂרָאֵל עַל פִּי ה' לַעֲבֹר עַל מִצְוָה אַחַת הוֹרָאַת שָׁעָה כְּאֵלִיָּהוּ בְּהַר הַכַּרְמֶל וְכַדּוֹמֶה, שׁוֹמְעִין לוֹ, חוּץ מֵעֲבוֹדָה זָרָה. וְהוּא אוֹמְרוֹ "וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל עָשׂוּ", וּלְצַד כִּי מַעֲשֶׂה זֶה הוּא מַעֲשֶׂה בִּלְתִּי הָגוּן לִגְנֹב דַּעַת גּוֹי, גַּם לִגְזֹל מָמוֹנָם, וְאֵיךְ יַצְדִּיקוּ יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר לָהֶם עֲבוּר עֲבֵרָה, לָזֶה אָמַר עַל פִּי מֹשֶׁה, פֵּרוּשׁ, אֲשֶׁר הֻבְחַן לְנָבִיא, וּבִפְרָט זֶה יֵאָמְנוּ דְּבָרָיו כַּנִּזְכָּר (יב לה).

מבואר מדברי רבינו שבלקיחת הבגדים והכלי כסף וזהב היה משום גזל. והקשה ב**פרי נפתלי** (מוטצען) מהא דאיתא בסנהדרין (צא א) שפעם אחת באו בני מצרים לדון עם ישראל לפני אלכסנדרוס מוקדון, אמרו לו - הרי הוא אומר "וה' נתן את חן העם בעיני מצרים וישאילום", תנו לנו כסף וזהב שנטלתם ממנו. אמר גביהא בן פסיסא לחכמים - תנו לי רשות ואלך ואדון עמהן לפני אלכסנדרוס וכו'. אמר להן - מהיכן אתם מביאין ראיה. אמרו לו מן התורה. אמר להן אף אני לא אביא לכם ראיה אלא מן התורה, שנאמר "ומושב בני ישראל אשר ישבו במצרים שלשים שנה וארבע מאות שנה", **תנו לנו שכר עבודה של ששים ריבוא ששיעבדתם במצרים** שלשים שנה וארבע מאות שנה, ע"כ. הרי שביזת מצרים הגיע לישראל בדין - מכח שכר עבודה, ולמה כתב רבינו שהיה זה **גזל** והוצרכו להיתר מכח הוראת נביא.

ותירץ באופן נחמד, דהנה ב**פנים יפות** (פרשת לך בפסוק "בארץ לא להם") עורר בדברי הגמ' בסנהדרין הנ"ל, דאיך נתחייבו המצריים שכר עבודה, הלא נתחייבו מיתה וקם ליה בדרבה מיניה. ותירץ, ע"פ שיטת רש"י (ב"מ צא א) דבדבר שפטור מדין קלבד"מ מועיל תפיסה. ולזה אמר הקב"ה **שיקחו בתורת שאלה, שע"י זה יהיו תפוסין בהם.** ולא אמר שיקחו, שהרי מעיקר הדין פטורין דקלבד"מ, וא"א להורות ולצוות שיקחו מהם בדין, עיי"ש. ואולם כבר כתב ה**נתיבות** (סי' כ"ח סק"ב) דהגם שמועיל תפיסה בדבר שפטור משום קלבד"מ, מ"מ לכתחילה אסור לתפוס, עיי"ש טעמו [ובשו"ת דברי מלכיאל (ח"ג סי' קע"ג) חלק על הנתיבות ומתיר לכתחילה].

ולפ"ז ניחא היטב דברי רבינו, דמה שאמרו בסנהדרין שהביזה היתה שכר פעולה, זה מועיל לענין בדיעבד, דכיון שכבר תפסו א"א להוציא מהם, דמועיל תפיסה אע"פ שמדינא היו פטורין מדין קלבד"מ. אבל רבינו כתב **דלענין לכתחילה יש איסור לתפוס - כדברי הנתיבות** הנ"ל, ולזה היו צריכין להיתר מכח הוראת נביא לשעה.

עוד פלפל שם לתרץ באופן אחר, דהנה ב**פנים יפות** (שם) הקשה עוד בדברי הגמ' בסנהדרין הנ"ל, דלכאורה ישראל נשתעבדו לפרעה, והיו צריכין ליקח ממנו שכר עבודה, ומה ההיתר ליקח מהמצריים. ותירץ, דהנה יוסף קנה את כל המצריים, כדכתיב בסוף פרשת ויגש (מז כג) "ויאמר יוסף אל העם הן קניתי אתכם היום ואת אדמתכם לפרעה". וממילא היו כולם עבדים לפרעה, ומה שקנה עבד קנה רבו, א"כ **הכל היה משל פרעה, ושפיר נטלו מרכוש המצרים** לשכר עבודה. אך העיר ע"ז הפנים יפות מהא דאיתא ביבמות (מו א) דעכו"ם אינו קונה עכו"ם אחר לגופו, וא"כ אין לומר בו מה שקנה עבד קנה רבו, עיי"ש.

אך עדיין י"ל לפי מה דקיי"ל (שו"ע יור"ד סי' רס"ז ס"י) דמכח דינא דמלכותא דינא יכול גם עכו"ם לקנות עבד לגופו, וכיון ש**גזר יוסף מכח דינא דמלכותא שפיר נקנו כל המצריים לפרעה.** אולם דין זה אינו ברור, דלכמה שיטות (עי' כס"מ פ"ט מהל' עבדים ה"ד בשם שו"ת הרשב"א; ועי' שו"ע הרב הל' זכיה והפקר בקו"א אות א'; מנ"ח מצוה מ"ב אות ה') אין עכו"ם יכול לקנות עבד גם בדינא דמלכותא. ומעתה י"ל דרבינו ס"ל כהך שיטות, ולזה נמצא שהמצריים לא נקנו לפרעה ולא היה רשות ליקח מהם שכר עבודה. ואילו בגמרא בסנהדרין השיבו תשובה זו רק לגוים, כי הם עצמם בוודאי מדמים בעצמם שיכולים לקנות עבד לגופו, ולכן יקבלו תשובה זו שלקחו שכר עבודה מהמצריים, דמה שקנה עבד קנה רבו.


מתיקות ועריבות טוב התורה
מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

## אגדה וחסידות

### מתי נהג משה רבינו בכבוד מלכות עם פרעה

**וַיִּפֶן וַיֵּצֵא.** זִלְזְלוֹ בְּעֵינָיו שֶׁאַחַר שֶׁהִתְוַדָּה וְאָמַר (ט כז) "ה' הַצַּדִּיק" וְגוֹ' חָזַר לְסִרְחוֹנוֹ, לָזֶה פָּנָה וְיָצָא כַּדֶּרֶךְ הַנָּהוּג עִם שְׁאָר בְּנֵי אָדָם (י ו).

ב**פרדס יוסף** הביא מה**אלשיך** הק' (ירמיה לב לג) בשם מדרש, שביציאתו הלך משה **ופניו כלפי פרעה** ופסע דרך אחוריו לתת כבוד למלכות, ד'ויפן' מגזרת פנים, כמו שכתוב (מלכים-א ח כח) "ופנית אל תפילת עבדך", שיסביר לו פנים לקבל תפילתו (והביא הפרדס יוסף עוד ראיות לזה).

להיפך מזה הביא בספר **שער בת רבים** (מספר מ"מ וד"ח - ולא ידענו למה ירמזון ר"ת אלו) שפנה פניו מפרעה ויצא **כדרך יוצא מאיש הדיוט**, וכדברי רבינו.

ומציין ה**ברכת שמעון** דכבר פליגי בה אמוראי בזבחים (קב א) בהא דכתיב (לעיל ז טו) "ונצבת לקראתו על שפת היאור", דר' יוחנן מפרש מלך הוא והסביר לו פנים, וריש לקיש אמר רשע הוא והעיז פניך בו עיי"ש. וכתב לפי זה דרבינו מפרש כריש לקיש.

אך באמת לעיל בפרשת וארא (ו יג) הביא רבינו דרשת חז"ל שה' ציוה למשה לנהוג כבוד למלכות, וכר' יוחנן. ולכן נראה שלזה דייק רבינו כאן וכתב, שמאחר שחזר לסרחונו ככלב השב אל קיאו אחרי שכבר הודה שה' הצדיק, נגרע ממעמדו לגמרי, וזלזל בו משה.

ועדיין צ"ב מה שכתב רבינו בפרשתן (יב לא) וזל"ק: הקדים הכתוב לומר טעם שלא יצאו לקראתו תיכף ומיד, **וה' צוה על כבוד המלכות**, לזה הקדים סיבה אשר סבבה עכבתם, ואמר לילה, וזו סיבה שלא קמו ויצאו אצלו, עכל"ק. הרי שאף באותה שעה לקראת היציאה ג"כ היו מצווין על כבוד המלכות.

ואולי **יש לחלק** בין משה ואהרן לשאר עם בני ישראל, שרק משה ואהרן התירו לעצמם לזלזל בו.

**אי נמי יש לחלק** דשם היה בזיון בפרהסיא שלא יצאו לקראתו, וזה חמיר טפי מלבזותו בתוך ביתו.

ועדיין קשה ממה שפירש רבינו עצמו להלן בפרשתנו (יא ח) במה שאמר משה לפרעה קודם מכת בכורות "וירדו כל עבדיך אלה אלי והשתחוו לי לאמר צא" - 'והנה הגם שלא אמר משה אלא וירדו כל עבדיך נתכוון לומר גם עליו כי הוא בעצמו יקום לילה, אלא שדיבר דרך כבוד'. והוא מדברי חז"ל (בזבחים שם), והובא ברש"י שם **שחלק כבוד למלכות**, הרי שגם אח"כ כיבדו משה כמלך ולא זלזל בו.

ובספר **דעת שרגא** (גרוסברג) כתב ליישב היטב, ומקודם מבאר דעיקר מעלת מלך הוא 'שלטון', שדיבור שלו הוא דיבור מוצק ומתקיים - שאינו חוזר בו, כדאיתא בב"ב (ג ב) 'אי אמר מלכותא עקרנא טורי, עקר טורי ולא הדר ביה', ולכן כאשר חזר בו פרעה ממה שהודה ואמר "ה' הצדיק ואני ועמי הרשעים"', הרי **נתברר שאין לו גינוני מלכות** ואינו ראוי לשרביט המלוכה, וכיון שכן נפקע ממנו באותו מעמד דין מלך, ואינו בדין שיש לחלק לו כבוד ככל מלכות.

משא"כ במכת בכורות שוב חלק לו כבוד, כי אדרבה שם נתברר שהוא עומד היטב בדיבורו הרע ואינו חוזר בו מהבטחתו שלא לשלח, ונמצא שאז **לא פגם בגינוני המלכות.**

# תלמידי רבינו במרוקו

משסמך הגאון רבי שמואל אלבאז זצ"ל את רבנו שימלא מקומו וינהיג את הישיבה, נתן לו במתנה את תלמידיו החכמים, חכמי הדעת והתבונה, מופלגי השקידה והעמקות, יודעי שמו ולומדי תורתו - אשר בהעמדתם לאילני רברבי יעסוק, ולימים יתפאר בהם ובמחיצתם. מחברה קדושה זו התפרסמו כמה גאונים נודעים, ומן הפרט שיצא מן הכלל - נלמד על הכלל כולו.

### הגאון רבי אליהו הצרפתי זצ"ל

מרומם היחס היה רבי אליהו, בהיותו דור חמשה עשר לרבנו תם, נכדו של רש"י הקדוש ['שם הגדולים' להרב חיד"א זצ"ל (בערך זקנו הגאון רבי וידאל הצרפתי זצ"ל). וראה בהקדמת 'תומת ישרים' (ויניציאה תפ"ב) שציין על אחד מחכמי המשפחה, "החכם הנעלה מוהר"ר אברהם צרפתי ז"ל, מבני בניו של הרב בעל 'ברכת אברהם' מגזע רש"י ז"ל". וכן מסורת בקרב בני המשפחה, שחניכתה 'הצרפתי' להזכיר מוצאם מצרפת. מצרפת נדדו לספרד, ובגירוש יהודי קאשטילייא באו למרוקו והתיישבו בפאס].

קודם שלמד בישיבתו של רבי שמואל אלבאז ורבנו, היה תלמיד הגאון רבי יהודה בן עטר זצ"ל, רבה של פאס. אף הוא הצטרף לרבנו בלכתו לטיטואן, וככל הנראה האריך ישיבתו שם עד לשנת תק"א - שכן בספריו 'אדרת אליהו' ו'אליהו זוטא' פלפל עם חכמי טיטואן ורשם תאריך כתיבתו בשלהי ת"ק.

חשקה נפשו של רבי אליהו הצרפתי להצטרף לרבנו בעלייתו לארץ ישראל, כי נפשו היתה קשורה בנפשו. או שלאחר שנסע רבנו, ראה כי קשתה עליו פרידתו והתאווה לחזר אחריו ולעלות בעקבותיו. חכמי טיטואן - שביניהם ישב גם רבה של פאס, הגאון רבי יעקב אבן צור זצ"ל - אף כתבו, לבקשתו, כתב המלצה מפואר, בה גוללו את יחוסו והעידו עליו בחתימתם.

זו לשון כתב ההמלצה (שהעתיק הגאון רבי יוסף בן נאים זצ"ל ב'מלכי רבנן'): "הרי כל בשר מספר בשבח יוחסין וקדושת אבותיו דהאי צורבא מרבנן, כי אין הפה יכולה לסיים שבחייהו ולא תמלא אוזן משמוע מעלת ותהלת אבותיו הקדושים, כי רבה היא מאד. האמנם להוציאו חלק אי אפשר, אפס קצהו יראה הרואה ותשמע האוזן שמץ מנהו. הראשון, אדם המעלה ממטה למעלה כי מעלין בקדש, הוא החכם השלם החסיד יושב אהל התורה מנעוריו עד יום מותו זקן ושבע ימים לא פסיק גירסא מפומיה, לומד בצינעא בעליית בית מדרשו לא ראה פני השוק מימיו, כמוהר"ר יוסף ז"ל אביו דהאי צומ"ר.

וכמה"ר יוסף הנזכר, הוא בן להחכם השלם הדיין המצויין, תורה וגדולה במקום אחד, נודע בשערים שמו, מרגיז ממלכות קשתותיו דרוכות, מור וקציעה, דבר אחד לדור דיעה, דעה יורה מי כמוהו מורה כפי צורך השעה בשופרא וסנדלא ומקל ורצועה לכל עושי רשעה, קנאי בן קנאי, זה סיני, כל ימיו משרת ועמל עם הציבור כמשה עבד ה', ראש גולה ואב בית דין כמוהר"ר יצחק זלה"ה.

בן לאותו צדיק החכם השלם דיין ומצויין, סבא דמשפטים, נר ישראל, החסיד העניו הרב המובהק כמה"ר וידאל זלה"ה. בן כבוד השם הטוב החכם השלם דיין ומצוין, כמהר"ר יצחק זלה"ה. בן לאותו צדיק החכם השלם ודיין ומצויין, עמוד הימיני פטיש החזק נר ישראל, הרב המובהק גוזר ים החכמה לגזרים, אבי התעודה כמהר"ר וידאל הצרפתי זלה"ה, אשר היה יחיד בדורו בהודו והדרו, והיה ראוי שתשרה עליו שכינה ויתגלה אליו אליהו".

על האגרת חתמו הגאון יעב"ץ זצ"ל, הגאון המקובל רבי מנחם עטייא זצ"ל, הגאון רבי שלם הסבעוני זצ"ל מחכמי מקנאס והגאון רבי שלמה אבודרהם זצ"ל מחכמי טיטואן, ועליהם הוסיפו עוד כמה מחכמי פאס חתימתם.

היות ואין תאריך על כתב ההמלצה, קשה לדעת בדיוק את תאריך כתיבתה, אם קודם שנסע רבנו משם או שמא לאחר מכן. אמנם הגאון רבי יעקב משה טולידאנו זצ"ל (אב בית הדין בקהיר ובאלכסנדריה והרב הראשי לתל אביב) כתב ב'נר המערב' (חלק ב') שאף הוא ראה את כתב ההמלצה ודימה בזכרונו כי בשנת תצ"ח נכתב, אך אין מביאים ראיה מן הזכרון. אם נכתבה לאחר נסיעתו, כאשר ביקש רבי אליהו הצרפתי לנסוע אחריו, יתכן וביטל נסיעתו כאשר הגיעה השמועה הרעה שנתבקש רבנו לישיבה של מעלה בחודש תמוז תק"ג.

לבסוף לא נסע רבי אליהו ושב לפאס, שם הצטרף לבית דינו של הגאון יעב"ץ זצ"ל, אשר הסמיך חמשה רבנים שישמשו בדיינות לצדו ומושבם היה מכונה 'בית דין של חמשה'. לימים, כאשר העמיד רבי אליהו תלמידים הרבה וביניהם כמה מגדולי החכמים, היה מנהיגה של יהדות פאס. תריסר חיבורים כתב - וחלקם ראו אור על ידי 'חברת אהבת שלום' - בהלכה ובאגדה, תשובות ומכתבים, ואף פתגמים ומליצות, שירים ופיוטים.

תהילתו בקהל חסידים, וכך כתבו עליו ב'שלשלת היוחסין' שסידרו למשפחות המגורשות מספרד היושבות בפאס: "יסוד עולם, המאור הגדול, מעוז ומגדול, רב משרשיא, אילן ששרשיו מרובים, דמי לבר אלהין, אינו אלא שרף, סובר הרזים, גוזר ים החכמה לגזרים, שמו נודע בשערים, הרב המופלא וכבוד ה' מלא, איש אלקים קדוש הוא, נחל נובע מקור חכמה, מוציא לאור כל תעלומה, אבן הראשה, לכל דבר שבקדושה, נהורא דשמשא, רישא דעמיה, סבא דמשפטים, תנא דבי אליהו, מורינו ורבינו מוהר"ר אליהו זצוק"ל זיע"א המכונה הצרפתי".

האריך רבי אליהו ימים ונפטר בשיבה טובה, בן תשעים ואחת שנים, בכ"ו לחודש אלול תקס"ה, וכמה ממספדי חכמי דורו באו בכתובים. את מקומו, ברבנות העיר פאס, מילא בנו הגאון רבי רפאל מנחם הצרפתי זצ"ל.

### הגאון רבי שם טוב בן אמוזיג זצ"ל

במרוקו התוודע רבנו לרבי שם טוב ועמד על גדולתו בתורה, ונשא תהילתו בקהל חסידים להכתירו בתואר 'חכם'. הגאון רבי אבנר הצרפתי זצ"ל - ב'אגרת יחס פאס' - כתב אודותיו: "ויש בידי ספר כתב יד דרושים ממנו". כתב היד הגיע, לימים, לידי הגאון רבי יוסף בן נאים זצ"ל, כפי שתיאר ב'מלכי דרבנן', בציינו כי "היה ידוע למעיין גדול".

תחת אחד מחידושי תורתו של רבי שם טוב, נוספו כמה שורות, מעטו של רעו וידידו הגאון רבי עמנואל מאנסאנו זצ"ל: "זאת החקירה מכתב וכו', שנפטר בקיצור שנים בגזירת שוכן מעונים, כה דברי הצעיר עמנואל מאסנאנו ס"ט" - ומכאן למדנו שלא האריך ימים. מתוך דבריהם של חכמים אחרים, הוכיח ב'מלכי רבנן' שרבי שם טוב כתב חיבורים נוספים.



# לערנען אור החיים הק' איז מסוגל אויף טהרת הנשמה

מ'דערציילט, אז אמאל האט הרה"ק ר' **חיים מאיר מוויזניץ** זי"ע - בעל "אמרי חיים" געפרעגט איינעם פון די יונגעלייט, צו ער זאגט פון מאל צו מאל א בלעטל זוהר הק'? דער יונגערמאן האט זיך געוואונדערט, און צוריק געפרעגט: איז דאס געמאכט געווארן פאר יעדעם איינעם?! האט אים דער 'אמרי חיים' געענטפערט: מיין הייליגער זיידע - דער רוז'ינער - האט אמאל געטראפן זיין איידעם הרה"צ ר' דוד הייליפערין זצ"ל אלס יונגער יונגערמאן לערנען זוהר הק', האט ער אים געפרעגט, וואס דאס דארף צו זיין? האט ער געענטפערט: "מ'זאגט אז זוהר הקדוש איז מזכך די נשמה!" האט דער הייליגער רוזינער געזאגט: "ס'ווערט דאך אבער געברענגט אז א מענטש וואס זינדיגט ווערט די נשמה נסתלק פון אים, וויאזוי קען ער עס מזכך זיין?!..." און גלייך האט ער צוגעלייגט: **"לערן אור החיים הק', דאס איז מזכך און מטהר דעם 'נפש' און דעם 'רוח' ממילא וועט די 'נשמה' קענען צוריקקומען..."**

אמאל האט הרה"ק ר' **יהושע מבעלזא** זי"ע געפרעגט איינעם פון זיינע חסידים, וועלכער איז געווען א גרויסער 'למדן' און אויך עוסק געווען אין מסחר פאר פרנסה, וואס ער לערנט במשכ'ן טאג? האט יענער געענטפערט: "ווען איך האב אביסל פרייע צייט אין טאג לערן איך א **שטיקל גמרא...**". האט אים דער בעלז'ער רב געזאגט: "אין די פריערדיגע צייטן האט א מענטש געקענט זיך משלים זיין מיט'ן לערנען **"זוהר הקדוש"**, ווען די דורות זענען שוואכער געווארן, האבן זיך מענטשן משלים געווען מיט'ן לערנען **"חובת הלבבות"**, די דורות זענען נאך שוואכער געווארן האט מען זיך משלים געווען מיט'ן לערנען **"ראשית חכמה"**, אבער היינט, אין אונזערע צייטן, קען א מענטש זיך משלים זיין מיט'ן לערנען **"אור החיים הקדוש"**!

אין א בריוו וואס הרה"ק ר' **אברהם מסלונים** זי"ע בעל 'יסוד העבודה' האט געשיקט צו איינעם פון זיינע חסידים, שרייבט ער אים; אז ער זאל זיך צוגעוויינען צו לערנען זוהר הק' און אור החיים הק', **ווייל דאס באלייכט די אויגן און די נשמה פונעם מענטש!**

## קביעות הלימוד ספעציעל אינעם טאג "שבת קודש"

צווישן די הנהגות פון די צדיקי הדורות טרעפן מיר פארשידענע ענינים ווען צו קובע לימוד זיין אין אור החיים הק', אזעלכע אין ליל שישי, אנדערע פרייטאג צו נאכטס, און אזעלכע שבת צופרי. סיידן וויאזוי יעדער איינער האט באשטימט זיין קביעות'דיגע זמן פאר זיך פערזענליך, שיינט ארויס אז "הצד השוה שבכולם" האט די צייט קובע צו זיין דעם לימוד זיך געדרייט ארום דעם טאג שבת קודש.

גאר ספעציעל איז געווען דער מנהג וואס הרה"ק ר' **מנחם מענדל מדעעש** זי"ע בעל 'מעגלי צדק' האט געהאט איינגעפירט נאך אין די יארן ווען ער האט געוואוינט אין ארישוואר, פארצולערנען יעדע וואך ערב שבת צווישן מנחה און קבלת שבת א שיעור אין אור החיים הקדוש פאר זיינע חסידים, און מיט דעם האט ער אנגעפלאמט די הערצער צו גיין מקבל שבת זיין מיט א געהויבענעם ברען!

אין ספר **"תכלת מרדכי"** על התורה שילדערט אפ הגאון ר' יצחק שוואדראן זצ"ל די געהויבענע מנהג פון זיין טאטן הגאון ר' **שלום מרדכי הכהן זצ"ל** - דער בערזשאנער רב - אז יעדן שבת צופרי נאך מוסף פלעגט ער בלייבן אין בית המדרש און דורכלערנען די גאנצע פרשה מיט פירוש רש"י און מיט'ן אור החיים הק', און הערשט דאן פלעגט ער אהיימגיין זיך וואשן צו די סעודה.

דאס שיינט אריין א נייע דערהער אין דעם לימוד, אז דאס איז נישט געאייגנט געווארן נאר אויף צו טרעפן א שטיקל "עיון און עמקות" אויף די פרשה פון די וואך, אדער צו הערן "א שיינעם פשט" אין פסוק, אפילו נישט "נתעורר צו ווערן" מיט א גוט שטיקל מוסר, וואס דאס אלעס איז באמת דא אין דעם הייליגן ספר, אבער איז נאך ווייט פונעם אמת'דיגן ציל מיט'ן לערנען דעם ספר.

דער אמת'דיגער תכלית פון דעם לימוד איז: **"אויסצולייטערן די נשמה!"** און **"ארייננָאטעמען פרישע לופט פון קדושה וטהרה!"** וואס פליסט און שטראָמט צווישן די הייליגע ווערטער אויף א געוואלדיגן פארנעם! נו, איז דען דא א פאסיגערע צייט איינצוהאנדלען אזא קוואנטום קדושה ווי אינעם הייליגן טאג שבת קודש...

אט דאס האט צוגעברענגט אז אזעלכע זאלן דאס אוועקשטעלן אלס איינס פון די **הויפט הכנות צום שבת קודש!** צו אנדערע וואס זאלן דאס ארייינלייגן אין די **חלק העבודה פונעם עצם יום השבת קודש!** אין וועלכע די נשמה זעטיגט זיך אָן איר רוחניות'דיגע טייל פונעם "עדן הנשמות". און דאס איז אינ'אמת'ן די שפיץ מעלה פון דעם ספר קדוש - אסאך מער ווי די עצם חלק הלימוד דערפון.

פאר דעם סיבה פלעגן פארצייטישע חסידים זאגן, אז אור החיים הקדוש לערנט מען **מדי שבת בשבתו** יאר איין יאר אויס! און אפילו מ'האט שוין איינמאל געענדיגט דורכלערנען דעם גאנצן ספר, גייט מען נישט אריבער צו אן אנדערן פירוש על התורה, נאר מ'הייבט אן נאכאמאל פון דאסניי. ווייל דער תכלית איז דאך נישט צו באקומען נייע ידיעות אדער קענען נאך פשטים, נאר ווי מער און מער אנצופלאמען דאס הארץ מיט קדושה וטהרה. און כ"ק מרן אדמו"ר מסקווירא שליט"א האט אמאל געזאגט אין א שיחת קודש, אז חסידים פלעגן זאגן, אז הגם מ'לערנט איבער יעדעס יאר אור החיים הקדוש, האט עס אבער יעדעס מאל **א נייעם אור!** - - -

פאר די זעלבע סיבה האט מען אויך געהאלטן ביי חסידים אז מ'זאל לערנען אלע שטיקלעך על פי סדר, סיי די שטיקלעך וואס קומען מפרש זיין פשוטו של מקרא, סיי די וואס זענען געבויעט מפרש צו זיין "אסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא", און ווער רעדט די שטיקלעך וואס זענען געבויעט בדרך המוסר והיראה ארויסצולערנען עניני יראת שמים והתעוררות אויף עבודת ה', און נישט מדלג זיין פון איין פלאץ צום צווייטן. ווייל דער מטרה איז דאך צו באקומען די ספעציעלע סגולה פון קדושה וואס ליגט באהאלטן צווישן די שורות, נישט נאר וואס מ'פארשטייט פשוט פשט אדער בדרך דרוש וכדו'.

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזוי ווי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998

אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com

פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:

הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839

וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com